Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראָשען | היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 205 | Łódź, Środa 2 września 1931 r. | נײַנטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואָך, כ׳ אלול תרצ״א | № 205

Adres Redakcij i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# גראנדיעזע לויה פון דעפ. האלובקא

## עטליכע יודישע דעלעגאציעס אויף דער לויה

וואַרשא, 1. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) פון הויפט באַהן־הויף האָט זיך 3 אַ זייגער נאָכמיטאָג אָנגעהויבען די לויה פון ערמאָרדעטען דעפ. טאַדעאוש האלובקא.

אין דער לויה האָבען אנטיילגענומען די גאנצע רעגירונג, פרעזידיום פון סיים און סענאַט, פיל דעפוטאטען און סענאַטאָרען, פאָרשטעהער פון אַלע מינדערהייטען, וואָס וואוינען אין פוילען ווי: אוקראינער, ווייסרוסען, רוסען, גרוזינער, גריכען, ליטווינער און אַנדערע. פון יודען האָבען אַנטיילגענומען: פאָרשטעהער פון „אַגודת ישראל": הרב לעווין, סענ. מענדעלסאָן, פרעזעס מאַזור, טראָקענהיים א. א. פון ראַבינאַט — הרב פויזנער, פון סוחרים־פעראיין דעפ. ווישליצקי, פון האַנדווערקער־פעראַבאַנד — ראסנער, פון זשורנאליסטען־סינדיקאַט — ד״ר גאָטליב. דאַן איז נאָכגעגאַנגען אַ גרויסער עולם.

ביים אָפענעם קבר אויפ׳ן עוואַנגעלישען צמענטאַזש האָבען געהאַלטען רעדעס פרעזעס סלאַוועק און אַ פאָרשטעהער פון די אוקראַינער דעפ. סעוונדי.

וואַרשא, 1. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) אויפ׳ן אָרט פון ערמאָרדעטען דעפ. האלובקא געהט אַריין אין סיים פון קרייז נאוואָגרודעק — סווענציאַני, אַלעקסאַנדער אַדאַמאָוויטש.

פאַריז, 1. (ספ. טעל.) אַרומרעדענדיג דעם מאָרד איבער דעפ. האלובקא, שרייבט דער פאַריזער „זשורנאל":

דער דאָזיגער מאָרד איז מעהר ווי אַ פאָליטישער מאָרד. דאָס איז אַ מעכטיגע טראַגישע דעמאָנסטראַציע פון דער ווירקליכקייט. האלובקא איז געווען דער איניציאַטאָר פון דער פויליש־אוקראַינישער פערשטענדיגונג און איז דערהרגעט געוואָרען דורך די טעראָריסטען, כדי ס׳זאָל נישט קענען קומען צו קיין בערוהיגונג.

לעמבערג, 1. (טעלעפאָניש) די אויספאָרשונגס־אַקציע נאָך די מערדער פון דעפ. האלובקא דויערט ווייטער. די שפורען פיהרען קיין לעמבערג, וואו ס׳זענען אַדורכגעפיהרט געוואָרען אַ רייה רעוויזיעס ביי אוקראַינישע טוער, ס׳איז אויך אַדורכגעפיהרט געוואָרען אַ רעוויזיע אין דער וואוינונג פון רעדאַקטאָר פון דער אוקראַינישער צייטונג „וואָלני" — רודאַקעוויטש.

---


אכטונג. לעזער!

# גראנדיעזע

וועט זיין אונזער איצטיגער

## ווינטער = פרעמיען = קאנקורס

וועלכער וועט ענטהאלטען

א רייה נויטיגע און פראקטישע זאכען.

# וואס? ווען?

לייענט די ווייטערדיגע אנאנסען!

די טעג הויבען מיר שוין אן צו דרוקען דעם

ערשטען קופאן



## צו די עלטערן פון די קינדער,

### וואס לערנען אין דער „בית־יעקב־שול שרודמיעסקא 32

מיר זענען דערמיט מודיע, אז אינ׳ם צוזאמענשטעל פון דעם לעהרערין־פערזאָנאל, סיי פון למודי קודש, סיי פון למודי חול אין דער בית־יעקב־שול, איז צום נייעם שול־יאָהר נישט אריינגעטרעטען קיין שום ענדערונג.

אלע קל[illegible] אז א וועלכע עס איז לעהרערין זאל האבען איבערגענאנ[illegible] יס א שול מיט׳ן נאָמען „חבצלת", שטימען נישט מיט [illegible]

דאס לעהרערין = פערסאנאל

פון „בית־יעקב" (שרודמיעסקא 32

## Do Rodziców dzieci szkół „BAJS-JAKOW" w Łodzi

Niniejszem komunikujemy, że skład personelu nauczycielskiego zarówno świeckiego jak i judaistycznego w szkole „BAJS-JAKOW" przy ul. Śródmiejskiej 32 nie uległ w r. b. żadnej zmianie i wszelkie pogłoski, jekoby niektóre osoby z pośród wyżej wymienionego personelu pracowały w szkole „Chawacelet" w Łodzi nie odpowiadają absolutnie prawdzie

**PERSONEL NAUCZYCIELSKI**
**szkół „BAJS-JAKOW" w Łodzi.**



נאָך לאַנגע און שווערע ליידען איז דעם 1. סעפט. 1931 געשטאָרבען אין עלטער פון 68 יאָהר

## ג. ע. שרה לעווין

אלמנה נאך אברהם ז״ל

(געב. מאלאוויסט)

די לויה קומט פאָר היינט, מיטוואָך, ד. 2 סעפט. ד. י. 3 א זייגער נאָכמ. פון טרויער־הויז, זשעראָמסקיעגאָ 18, וועגען וואָס עס טיילט מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע פאַמיליע.



## קוינער שחיטה טאָר מען נישט נוצען אין לאָדז!

דער ראַבינאַט און ועד הכשרות האָבען שוין פיל מאָל מפרסים געמאכט, אז קוינער שחיטה איז נישט אונטער זייער השגחה און עס האָט דעם דין ווי פרעמדע שחיטה, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס דער פאַביאַניצער רב מיט אַ היגען דיין האָבען אויסגעגלייכט די קוינער שוחטים מיט דעם טושינער רב, ווי אויך מיט דעם משגיח הרב יעקל קליגער. דאָס איז נור די אָרדנונג אין קוינע, אָבער נישט מכשיר זיין דאס פלייש אין לאָדז אָדער פאַביאַניץ. דאָס איז **פרעמדע שחיטה, וואס מען טאר נישט נוצען אין לאדז.**

דערביי איז מען מתרה די קוינער שוחטים, אז זייער סטעמפּעל דארף זיין כשר קויני און דאס וואָרט לאָדז זאָל זיך נישט געפינען. אין געגענפאַל וועט מען זיי צוציהען צו פעראַנטוואָרטליכקייט, ווייל דאָס איז נור צו פערבלענדען. אויך איז מען מתרה אז אין א לאדזער יאטקע, וואו מ׳וועט געפונען קוינער פלייש, וועט מען מפרסם זיין, אז ער פאלגט נישט דעם ראבינאט.

**לאדזער ראַבינאט.**



## ENGLISH

פאָראָנפענגער און פאָרטגעשריטענע. קאָנווערסאַציע, ליטעראַטור

צו צוגענגליכע פרייזען

ערטיילט א פעהיגער פעדאָגאָג. — אָפערטען אין אַדמיניסטר. פאַר „Mir"



## איין

יעדען קוואנטום צו ביליגע פרייזען ליפערט

**Południowa 22**

טעל. 191-26 און 190-48



אונזער חשוב׳ען חבר **לייבל שטערן** צוליב׳ן טויט פון זיין אונפערגעסליכער מוטער

## צפורה נ״ע

דריקען מיר אויס אונזער איניגסטען מיטגעפיהל

די שווער־אַטלעטישע סעקציע ביים יוד. ספּאָרט־פעראיין „מכבי" אין לאדז

אין נאָמען פון דער סעקציע

מאיר וויינגארטען.

4920

